# דער סאַטירישער סטיל אינעם שטעטל-ראָמאַן:

## אַ שטודיע וועגן צוויי ייִדישע פּראָזאַיִקערס

דוד-הירש ראָסקעס

דעם 15טן מײַ 1970

1. אַרײַנפֿיר

אין דער אַרבעט אַנאַליזירן מיר די הויפטווערק פֿון צוויי ייִדישע פראָזע-מײַסטערס: מענדעלעס דאָס ווינטשפֿינגערל און בערגעלסאָנס נאָך אַלעמען. מיר וועלן באַווײַזן ווי אַזוי די סאַטירישע טעכניק האָט זיך אַנטוויקלט אין מענדעלעס שרײַבן און ווי אַזוי בערגעלסאָן האָט געניצט אַן ענלעכן סאַטירישן סטיל צו שאַפֿן אַ גאַנץ אַנדערן עפֿעקט.

דער לעצטגילטיקער נוסח פֿון דאָס ווינטשפֿינגערל איז אַרויס אין 1909, אין זעלביקן יאָר וואָס בערגעלסאָן האָט אָנגעהויבן זײַן שרײַבערישע קאַריערע. נאָך אַלעמען איז אַרויס מיט פֿיר יאָר שפעטער. כאָטש די צוויי ווערק זענען כראָנאָלאָגישע קרובֿים, שפיגלען זיי אָפ צוויי אין גאַנצן פֿאַרשיידנאַרטיקע עפאָכעס פֿון שטעטל-לעבן און צוויי אין גאַנצן אַנטקעגנדיקע באַנעמען פֿונעם מענטשלעכן מצבֿ. דאָס צונויפֿברענגען די צוויי שטעטל-ראָמאַנען אין איין אַרבעט באַווײַזט אונדז אויך ווי אַסטראָנאָמיש גיך די ייִדישע ליטעראַטור האָט זיך אַנטוויקלט אין דער מאָדערנער תקופֿה.

2. די ראָלע פֿון סאַטירע

שוין אין 1862 באַרעכטיקט אַבראַמאָוויטש דאָס שרײַבן סאַטירע מיט דער לעגיטימירונג פֿון דער ייִדישער מוסר-טראַדיציע און פֿון דער רוסישער ליטעראַטור-קריטיק. אין זײַן הקדמה צו למדו היטב, דערמאָנט אַבראַמאָוויטש "די וואָס פֿאָרשן די ווירקונג פֿון די שרײַבערס אויף די הערצער פֿון פֿאָלק." (1, ז´ 4) געמיינט האָט ער די רוסישע קריטיקערס ווי בעלינסקי, טשערנישעווסקי און דאָבראָליובאָוו וועלכע האָבן פֿעסטגעשטעלט די נייטיקע פֿאַרבינדונג צווישן קונסט און לעבן. אין זײַן "אָפהאַנדלונג וועגן קריטיק" האָט בעלינסקי געשריבן אַז די קונסט מוז מישפטן, אַנאַליזירן און קריטיקירן די געזעלשאַפֿט, אַז די קונסט לעבט נאָר דאַן ווען זי שרײַט מיט יסורים, ווען זי פֿרעגט און פֿרעגט אָפ (10, ז´ xi). בעלינסקי האָט דערמוטיקט די אַקטועלע סאַטירע און האָט געלויבט די אויפֿטוען פֿון סאַטיריקערס ווי גאָגאָל וועלכער באַשרײַבט דאָס לעבן פֿון די נידעריקסטע שיכטן פֿון דער געזעלשאַפֿט. אונטער דער השפעה פֿון דער רוסישער קריטיק און אַ דאַנק זײַן אייגן פֿאַרנעם ווי אַ שרײַבער, האָט אַבראַמאָוויטש, גלײַך פֿון זײַן ערשטן ווערק, זיך דערווײַטערט פֿונעם ענג-משׂכּילישן באַנעם. פֿאַר אים איז שרײַבן ניט געווען אַ מיטל אויף צו געווינען דעם "קולטורקאַמף" ווי בײַ פערלען און ערטערן.

אַבראַמאָוויטש האָט געפֿילט די אחריות פֿונעם שרײַבער וואָס מוז זיך

דערנענטערן צום פֿאָלק פּדי אים צו דערהייבן. אין זײַן הקדמה צו <u>דאָס ווינטשפֿינגערל</u> (געדרוקט בלויז אין צווייטן נוסח פֿון 1889) שרײַבט ער:

"דאָס וואָס זיי (די ייִדישע לייענערס) וועט געפֿעלן,
אָדער נישט געפֿעלן בײַ מיר, וועלן זיי עס געפֿינען אויך
בײַ זיך און האָבנדיק פֿאַר זיך אַ שפּיגל אין מיר, וועלן
זיי זען, וואָס פֿאַר אַ פּנים זיי האָבן...ווירקן אויף אַ
פֿאָלק מענטשן, קען נאָר אַזעלכער, וואָס איז ביין פֿון
זייער ביין, פֿלייש פֿון זייער פֿלייש..."

## 3. <u>די פּערסאָנאַ "מענדעלע"</u>

דאָ ווערט פֿאָרמולירט ניט נאָר אַבראַמאָוויטשעס עסטעטישער אַני-מאמין, נאָר אויך די טעכניק פֿון זײַן שרײַבערישער פּערסאָנאַ. דער ייִדישער שרײַבער קען האָבן אַ צוטריט צום לייענער דורך דעם וואָס ער מאַכט זיך פֿאַר איינעם פֿון פֿאָלק און שאַפֿט אַ שרײַבעריש געשטאַלט דורך וועלכן צו רעדן, קלאָגן און זאָגן מוסר. שפּעטער ווערט דאָס "מענדעלע"-געשטאַלט פֿאַרפֿולקומט ווי אַן <u>איראָנישע</u> פּערסאָנאַ וועלכע לייגט דעם שטעמפּל אויף דער גאַנצער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. דער פֿאָלקסטימלעכער פּסעוודאָנים ווערט די מאַסקע פֿון צענדליגער ייִדישער שרײַבערס (ווי אויך קולטור-טוערס) וואָס דערמעגלעכט זיי זיך צו דערנענטערן ווי אויך זיך צו דערווײַטערן פֿונעם לייענער אין איינער און דער זעלבער צײַט. אַבראַמאָוויטש בלײַבט אַבראַמאָוויטש. מענדעלע איז דער וואָס בלאָנדזשעט אַרום צווישן פֿאָלק מיט זײַן וואָגן ספֿרים, דער וואָס איז "ביין פֿון זייער ביין."

### א. <u>דאָס קליינע מענטשעלע (1879 ,1864)</u>

די פֿריִערע סאַטירישע טראַדיציע איז באַשטאַנען דער עיקר פֿון יוסף פּערלס פּאַראָדיסטישן ווערק <u>מגלה טמירין</u>. דער יונגער אַבראַמאָוויטש געהערט נאָך טיילווײַז צו דער טראַדיציע. אין <u>דאָס קליינע מענטשעלע</u> (1864) וווּ ער פֿירט איין צום ערשטן מאָל דעם נאָמען "מענדעלע מוכר ספֿרים", ניצט ער נאָך אַלץ די אַלט-אָנגענומענע ~~טע~~ טעכניק פֿון אַ ווידוי-בריוו. ער לייגט אַריין אינעם מויל פֿון יצחק-אבֿרהם תקיף בולטע סאָציאַלע שטראָפֿרייד וואָס קלינגען ריין משׂכּיליש (זע למשל די באַשרײַבונג פֿון דער תלמוד תורה אין 4, ז' 17). לסוף קען אַבראַמאָוויטש זיך ניט אײַנהאַלטן פֿון אַרויסשטעלן די משׂכּילישע קאָמפּצילן: פּראַקטישע דערציִונג, אייראָפּעיִשע קליידונג און דאָס מבֿטל מאַכן די טאַקסע (4, זז' 115 און 122). די געשטאַלטן אין דעם ווערק ווערן אויסגעמאָלן שוואַרץ אָדער ווײַס: די אויפֿגעקומענע נגידים פֿון איין זײַט און דער משׂכּיל גוטמאַן (פּשמו כּן

הוא) פֿון דער צווייטער. בלויז די אָנגעווייטיקטע ראַנגלענישן פֿונעם העלד וואָס ווערן אויסגעמאָלן אויף גאָר אַ פּרעציזן אופֿן, דערהייבן אים אויף אַ העכערן ליטעראַרישן ניוואָ ווי זײַנע קלאָגן אין די השפּלה-ווערק.

אינעם צווייטן נוסח פֿון דאָס קליינע מענטשעלע (1879), באַווײַזט זיך די "מענדעלע"-פּערסאָנאַ מיט אַלע איצט גוט-באַקאַנטע דערקענ-צייכנס. ווי זײַנע קונים, איז אויך רב מענדעלע אַ שטיקל שלומיאל וואָס קען למשל ניט באַשליסן צי ער זאָל פֿאָרן קיין גלופּסק צי אויפֿן יריד, און לאָזט דאָס פֿערדל דעצידירן פֿאַר אים. דאָ און דאָרט לאָזט רב מענדעלע פֿאַלן אַ פּאָר אַפּלאַכערישע באַמערקן אויפֿן חשבון פֿון די קהל-לײַט און די שטאָט-נגידים, אָבער דער עיקר ציטירט ער די רייד פֿונעם בעל-תשובה יצחק-אַבֿרהם. די אמתע, בײַסיקע סאַטירע, הייסט עס, שטאַמט פֿונעם העלד, ניט פֿונעם פֿאַרמיטלער רב מענדעלע וועלכער לײַדט אין איינעם מיט זײַנע העלדן. אַבראַמאָוויטש רעדט מיט צוויי קולות: מיטן מילדן איראָנישן קול פֿון זײַן פּערסאָנאַ און מיטן על-חטא-קלאַפּנדיקן דידאַקטישן קול פֿונעם העלד. אַ מאָל געראָט אים צו באַלאַנסירן די צוויי קולות, אָבער אין לעצטן צוהער, הערט מען נאָך אַלץ דעם ווידער-קול פֿונעם אַלט-משׂכּילישן טאָן.

ב. <u>דאָס ווינטשפֿינגערל</u> (1864, 1889, 1909)

אינעם צווייטן פֿון די דרײַ נוסחאות פֿון <u>דאָס ווינטשפֿינגערל</u> (דעם ערשטן האָבן מיר ניט געזען), ניצט אַבראַמאָוויטש ווידער די טעכניק פֿונעם ווידוי-בריוו, אָבער בײַם פֿאַרגרעסערן דאָס ווערק אין 1909 פֿאַרשווינדט דער מאָטיוו אין גאַנצן. אַבראַמאָוויטש מאַכט דעם אָנשטעל אַז דאָס ווערק האָט געשאַפֿן הערשעלע אַליין, אָבער דאָס שטערט אים שוין ניט אָנצוהאַלטן אַ קאָנסעקווענטן טאָן.

די פּערסאָנאַ רב מענדעלע באַווײַזט זיך נאָר אינעם לעצטן קאַפּיטל פֿונעם בוך (אינעם פֿריִערדיקן נוסח קומט ער אין דער הקדמה). רב מענדעלע האַלט אָן אַן איראָנישן, אַפּלאַכערישן טאָן וואָס ווערט דאָ און דאָרט איבערגעריסן פֿון וויי-געשרייען וועגן דעם ביטערן גורל פֿון פֿאָלק ישׂראל. אין די שפּעטערדיקע טיילן פֿון ווערק פֿאַרעפֿנטלעכט אין די יאָרן 1894-1909 הערט זיך אָט דאָס וויי-געשריי עפּעטער ווי אין די ערשטע דרײַ ביכער פֿון 1888-1889 (די דאַטעס באַזירט אויף 9, נומ׳ 47, 170, 210-213).

4. **פּאַמפֿלעטישע שטריכן**

אַבראַמאָוויטש איז נאָך מער דערווײַטערט פֿון דײַנע פֿיקטיווע העלדן ווי אין פֿרוערדיקן ווערק און מיט אים שטייט אויך דער לייענער פֿון דער ווײַטנס און באַנעמט די בעשעעניש פֿונעם שרײַבערס, ניט פֿונעם העלדס קוקווינקל. דאָס איז דער עיקר-פּרינציפּ פֿון סאַטירע.

דער איראָנישער טאָן ווערט פֿעסטגעשטעלט גלײַך פֿון ערשטן קאַפּיטל. מענדעלע מאָלט אויס פֿאַרשיידענע "כאַראַקטער-שטריכן" פֿון די קאַבצאַנסקער ייִדן וואָס הייבן אַרויס זייער גרויסע דחקות און אָרעמקייט. למשל "אין דעם ענין פֿון פֿרוכפּערן און מערן זיך, קען מען צו זיי חלילה גאָרנישט האָבן" (5, ז' 1); און ווײַטער: "און ווײַל לאָמיר גילטן ערגעץ נישט אַזוי ווי אין קאַבצאַנסק, דעריבער איז גדליה-הערש שטאַרק אין דער מאָדע געווען דאָרט" (5, ז' 6). אַפֿילו זייערע קרענק זענען אַ טייל פֿון דער "נאַציאָנאַלער" כאַראַקטער: "ייִדן בכלל, אַז דערהערן נאָר אַ דאָקטאָר, רופֿט זיך זיי אַלע קראַנקייטן אָפּ און דערפֿילן איטלעכער זײַנע ווייטאָגן...גאַנץ קאַבצאַנסק, ווי עס ווײַזט זיך אַרויס, איז איין בקור חולים, אַלע זײַנען צובראָכן" (5, זז' 25-26). צום ערשטן מאָל, דאַכט זיך, אין דער ייִדישער ליטעראַטור ווערן ייִדן אויסגעמאָלן ווי לופֿטמענטשן: "פֿאַר צײַטנס זענען מענטשן געווען מענטשן, ייִדן--ייִדן און געשעפֿטן--געשעפֿטן... און הײַנט מישטיינס געזאָגט, וואָס?" (5, ז' 42) מענדעלע באַשרײַבט ווי ייִדן וואָס האָבן צופּיקיין־שליסט איבער דעם אייגענעם פֿאַר-אָרעמטן לעבן, פֿאַרשלײַערן די צרות מיט פּאָליטישן פּלפּול:

> "מען לייגט אַוועק פֿאַר צרות דעם לויתן און מע נעמט זיך
> לעת-עתּה צו דער פּאָליטיקע, צו דעם גאַנצן ענין פֿון
> טכסיסי מלחמה, אין וועלכן זיי האַלטן זיך פֿאַר גרויסע
> בריות און טוען דערינען אויף פּשלעך גאַנץ שׂכלדיק.
> די גאַנצע לאַנדקאַרטע איז בײַ זיי אויסגעמאָלט אויף דער
> האַנט." (5, ז' 44)

אין פֿערטן בוך ווערט אָט די שוואַכקייט פֿאַרקערפּערט אין ר' אָשרן וואָס האַלט זיך אין איין גרויסן מיט "זײַן פֿראַנקרײַך" און קען דערווײַל ניט אויסקראַטשקענען די פּאָר גראָשן אויף שבת. דער מײַסטערישסטער באַניץ פֿון דעם מאָטיוו קומט צום אויסדרוק ערשט אין מסעות בנימין השלישי.

די נויט איז אַזוי גרויס, אַז ס'איז פּשוט ניטאָ פֿון וואָס צו לעבן. מענדעלע פֿאַרענדיקט איין קאַפּיטל מיט די ווערטער: "...הײַנטיקע צײַטן צו לעבן, ווי ס'איז צו דערהאַלטן די נשמה, באַדאַרף מען האָבן ריינע נסים..." (5, ז' 46) אַ ייִד קען דורכקומען אין דער וועלט נאָר מיטן הילף פֿון אַ ווינטשפֿינגערל מיטן שם המפֿורש, און אַזוי ווי אַזאַ רינגעלע איז ניט צו באַקומען, קומט ער טאַקע ניט דורך...

5. <u>קאַבצאַנסק און גלופּסק</u>

די העלדן פֿון די ערשטע דרײַ ביכער--הערשעלע מיט זײַנע טאַטע-מאַמע--פֿאַרלאָזן קאַבצאַנסק און זוכן זייער גליק אין גלופּסק. להיפּוך צו קאַבצאַנסק וואָס שוועבט אין די עולמות און ווייס כמעט ניט דעם טעם פֿון פּראַקטישן לעבן, האַלט גלופּסק בלויז פֿון האַנדל. דער גלופּסקער מענטש איז בפֿירוש <u>אַ האָמאָ עקאָנאָמיקוס</u> (8, ז' 71). "גלופּסק איז פֿון לאַנג-אָן באַקאַנט פֿאַר אַ גוטן האַנדלפּונקט, אויף וועלכן אַ סך פֿאַבריקאַנטן פֿון דער וועלט האָבן אָן אויג, אָפּצוזעצן דאָ זייערע מיני סחורות" (5, ז' 158). ר' אָשר, דער פֿאָרויסגייער פֿון שלום-עליכמס מנחם-מענדל, טענהט מיט רפֿאלן אַז דער תמצית פֿון ייִדישקייט איז אַ שטענדיקע גרייטקייט צו געשעפֿט. איז די צרה אָבער וואָס די גלופּסקער ייִדן פֿירן זייערע געשעפֿטן מיט דער זעלבער צעטראָגנקייט און ניט-פֿאַרלאָזלעכקייט ווי זיי פֿירן זייער קליינשטעטלדיקע לעבנס. אַנשטאָט אַ בערזע, פֿאַרזאַמלען זיי זיך קופּקעסווײַז אויף דער גאַס "אויף די גאַניקעס דאָרט...וואָס זשע דען? גלופּסק האָט אַ גרויסן ווערט דערמיט אַליין נאָר, וואָס זי איז אָנגעזעצט מיט אַ ים ייִדן, אָן עין-הרע. א מכּה אַלע ימען, אַלע פּאָרטן און אַלע בערזעס פֿאַר אַ ייִדיש קעפּל!" (5, ז' 159)

אָנקומענדיק קיין גלופּסק ווערט הערשעלע מוראדיק אַנטוישט. די מענטשן גייען אים פֿאַרבײַ גלײַכגילטיק, די רינשטאָקן פֿליצן אין די גאַסן און די וואַנצן קראַצן נאָך ערגער ווי אין דער היים (5, זז' 70-72. פֿ"גל אויך די פּרטימדיקע באַשרײַבונג אויף ז' 221 וואָס איז אַרויס אין 1903 ווי א סעפּעראַטע דערציילונג "אַ פֿרימאָרגן אין גלופּסק"). די גלופּסקער פֿערד זענען אויסגעדאַרט און קרום-רוקנדיק ווי זייער ייִדישע באַלעבאַטים (5, ז' 109). ווינטער צײַט גייען די ייִדן נאַקעט און באָרוועס ניט ערגער ווי אין קאַבצאַנסק. פֿאַקטיש, אויב מע גיט אַ קוק אויף גלופּסק מיט דער ריכטיקער פּערספּעקטיוו זעט מען "אין דער מיט וועלט, אויף דער קײַלעכדיקער ערד, איז דאָ א קליין פֿלעקעלע, ווי אַ פֿליג האָט איבערגעלאָזט--דאָס איז גלופּסק" (5, ז' 115).

דאָס <u>ווינטשפֿינגערל</u>, פּונקט ווי אַ סך אַנדערע ווערק מענדעלעס, בויט זיך אַרום דער באַוועגונג צווישן איין שטאָט און דער צווייטער: פֿון קאַבצאַנסק קיין גלופּסק, פֿון גלופּסק קיין זשיטאָמיר, פֿון גלופּסק קיין לײַפּציק און צוריק. שוין אין מענדעלעס ערשטן ווערק <u>למדו היטב</u> שאַפֿט זיך דער קאָנטראַסט צווישן דעם קליין פֿאַרוואָרפֿן שטעטל און דער רוסישער שטאָט (8, זז' 59-67). גלופּסק, אַ שטעטל וואָס איז אויסגעוואַקסן אין אַ כּרך, איז געבוירן אויפֿן מוסטער פֿון

באַרדיטשעוו אין די 50ער יאָרן, ד"ה אויפֿן הויכפונקט פֿון איר
עקאָנאָמישן בלי און קאַבצאַנסק (ווי אויך טונעיאַדעווקע) איז ענלעך
אויף קאַמעניץ-פאָדאָלסק, די פראָווינצשטאָט ווו. אַבראַמאָוויטש האָט
פֿאַרבראַכט איידער ער איז געקומען קיין באַרדיטשעוו (8, זז' 63, 66).
אַבראַמאָוויטש שאַפֿט דעם דאָזיקן קאָנטראַסט כדי אים שפעטער אָפצהווישן.
אין לעצטן סך-הכל ווערט קלאָר דעם לייענער אַז כאָטש קאַבצאַנסק איז
אַ שטעטל וואָס ווייסט כמעט ניט פֿון קיין בײַט און גלופסק איז פֿול
מיט מאַסן מענטשן וואָס לויפֿן און האַנדלען כסדר, זענען ביידע פונקט
אַזוי פֿאַרפֿינצטערט. נאָכן דריטן בוך ווײַזט זיך אַ גלופסק וואָס איז
פֿול מיט פֿאַרדאָרבנקייט און פֿאַרברעכנס וואָס קאַבצאַנסק האָט קיין מאָל
ניט פֿאַרמאָגט. פֿון דעסט וועגן איז דער המון אין ביידע ערטער
פונקט אַזוי שלימזלדיק און אומבאַהאָלפֿן. דער אייגענער שלימזל נאָר
אַנדערש געשלייערט. אָט דאָס האָט מענדעלע געוואָלט אַרויסברענגען אין
דער פֿריִער-דערמאָנטער סצענע (אין <u>דאָס קלײנע מענטשעלע</u>) ווו. ער
שטייט מיטן בויד אויפֿן שיידוועג צווישן צוויי שטעטלעך און דאָס
פֿערדל באַשליסט פֿאַר אים דעם וועג. די קאָנטראַסט-טעכניק ווערט נאָך
מער פֿאַרפֿולקומט בײַ בערגעלסאָנען.

## 6. <u>אַנטי-רעליגיעזע סאַטירע</u>

מענדעלע מאַכט חוזק ניט נאָר פֿון די עקאָנאָמישע פֿירעכצן פֿון
זײַנע ייִדעלעך נאָר אויך פֿון זייערע רעליגיעזע מנהגים. דער אָפ-
לאַכערישער טאָן איז צו מאָל שאַרף און בײַסיק, ווי בײַ אַ פאַרצײַטיקן
משׂכיל, צו מאָל מילד-הומאָריסטיש און צו מאָל אַפֿילו נאָסטאַלגיש.
"דעם ייִדנס סאָלאָווייטשיק איז דער בעל-תפֿילה" (5, ז' 57), זאָגט
אונדז רב מענדעלע. דער רעליגיעזער שטייגער פֿאַרמירט דעם גאַנצן
וועלטבאַנעם פֿונעם ייִד. אַלץ זעט ער דורכן שלײַער פֿונעם ריטואַל.
די לבֿנה פֿאַר זיך איז אַ קנאַפער ווונדער. ייִדן גיבן זיך אָפ מיט
איר נאָר אַ דאַנק דעם ריטואַל פֿון קידוש לבֿנה (5, ז' 324). אַנשטאָט
צו זאָרגן וועגן תכלית איז הערשעלע פֿאַרטאָן אין דער גמרא און דאָס
פֿאַרזיסט אים דאָס לעבן (5, ז' 87). זײַן גאַנצע וועלט באַשטייט דאַן
בלויז פֿון ייִדן. אַפֿילו דער ייִדישער מאָגן איז ניט דאָס וואָס בײַ
אַנדערע מענטשן: "דען ווו. נאָך איז דאָ אַזאַ מאָגן, וואָס זאָל זיך
זאַטן מיט תורה, מיט לערנען, ווי בײַ ייִדישע קינדער?" (5, ז' 99)
מענדעלע דריקט דאָ אויס די אַלט-באַקאַנטע משׂכילישע (ווי אויך
מאַרקסיסטישע) טענה אַז רעליגיע איז די אָפיום פֿון די מאַסן. דאָס
פֿאָלק איז באַהערשט פֿון ווילדע אײַנגלייבענישן, ווי עס ווײַזט
אונדז די מעשׂה מיט ר' שמעלקעס געסט (בוך איינס, קאַפיטל 6).

אַפֿילו אַזאַ קבצן ווי שמואליק, משהלעס טאַטע, קען זיך קוויקן מיטן שבת-ריטואַל (וואָס ווערט אַגבֿ געשילדערט אויף אַן אידעאַליזירטן אופֿן) און דאָס דערלויבט אים צו פֿאַרגעסן זײַן ביטערע דאַליע כאָטש איין מאָל אין וואָך. נאָך שבת ווערט ער אויס פּרינץ און צוריק הונט.

מענדעלע מאַכט חוזק פֿון דער צבֿיעותדיקער פּוסטקייט פֿונעם ריטואַל. ער באַשרײַבט ווי אַ ייִד שטעלט זיך אַוועק לעבן אים בײַם שחרית דאַווענען און הייבט אָן שיטן מיט ברכות, און ער בלעת ברירה מוז אים אָפּענטפֿערן אמן: "קוים אָבער האָט איר אָפּגעשלום-עליכמט, אָפּגעברוכט, אָפּגעקדושט, אָפּגעסילקט אײַערע אמנס, גיט איר אַ מאַך מיט די אַקסלען, טוט זיך אַ קראַץ, שפּײַט אויס גאַנץ פֿײַן--און גייט אײַך ווידער אײַער וועג" (5, ז' 128). אינעם פֿערטן בוך דערלויבט זיך מענדעלע אָפּצולאַכן אויף גאָר אַ קאָמישן אופֿן פֿון די משונהדיקע פֿירעכצן פֿונעם אײדעמל בנציה:

> "אין מיטן דרינען, ווי זיי שמועסן דאָ זיך ביידע, טוט זיך אַן עפֿן די טיר--און עס ווײַזט זיך אַ גרויסער טלית-און-תּפֿילין-זאַק, פֿון אַ בן-פּקועה-פֿעלכן, אַרומגעלאַמעוועט מיט בלויע קרייקעס, אויף וועלכן ס'איז אויסגעניייט עפּעס ווײַסע צייכנס פֿון אַ פֿאַבריקע און ציפֿערס פֿונעם יאָר. נאָך דעם טלית-און-תּפֿילין-זאַק ווײַזט זיך אַ הענטל, עס טוט אַ שמיר די מזוזה. נאָך דעם שמיר הערט זיך אַ קוש, נאָך דעם קוש ווײַזן זיך פּיסלעך--און אין שטוב רוקט זיך אַרײַן מיט א משונה-ווילדן ,גוט-מאָרגן' אַ קליין יונגער-מאַנטשיקל, א דאַרס, אַ בלייכס אין א לאַנגער לאַסטינגענער קאַפּאָטע מיט א ים-שוימען-שטעקעלע אין דער האַנט." (5, ז' 184)

דער רעליגיעזער שטייגער, גיט צו מענדעלע צום סוף פֿונעם ראָמאַן, האָט אויפֿגעהאַלטן דאָס פֿאָלק בל-זמן עס איז געבליבן איזאָלירט פֿון דער דרויסנדיקער וועלט. אָבער ווי באַלד ייִדן זענען געקומען אין באַריר מיטן אַרום, זענען זיי גלײַך געפֿאַלן בײַ זיך (5, זז' 370-371). אָט די געפֿאַלנקייט פֿירט זיי צו שרעקלעכע עבֿירות וואָס פֿאַרשוואַרצן זייער נאָמען צווישן די פֿעלקער.

## 7. די העלדן

מענדעלע שאַפֿט צוויי דערציילערישע ספֿערעס וואָס עקסיסטירן איינע אין דער אַנדערער. די ברייטערע "געזעלשאַפֿטלעכע" ספֿערע באַשטייט פֿון דער פֿאַרפֿינצטערטער, פֿאַראָרעמטער מאַסע וואָס קען ניט דערגרייכן צו קיין תּכלית, ניט אין קאַבצאַנסק און ניט אין גלופּסק. עס שאַפֿט זיך די אילוזיע אַז מע טוט עפּעס אויף--מע לויפֿט, מע קויפֿט, מע האַנדלט--אָבער לסוף בלײַבט מען שטעקן נאָך ערגער ווי פֿריִער. אין אָט דעם ברייטערן גערעם געפֿינט זיך אַן אַנדער ספֿערע, פֿון די אינדיווידועלע העלדן. אַ טייל פֿון זיי לײַדן דעם זעלביקן גורל ווי זייער אַרום--לייזער-יאַנקל ווערט אַנגעשטעלט ווי אַ חזן און

ווערט גלײַך נאָך דעם געפֿערלעך קראַנק; שמואליק דער מאַדעטניק ווערט צעהרגעט פֿון די כאַפּערס, לייבצע מאַכט צו ערשט גוטע געשעפֿטן און סוף-כּל-סוף זעצט ער אָן צוזאַמען מיט רפֿאלן. בלויז יחידי סגולה, די "פּאָזיטיווע" העלדן פֿון ראָמאַן געראָט עס אין גאַנצן ארויסצוראַטעווען זיך פֿונעם זומפּ. רפֿאל, נאָך זײַן ערשטן סוחרישן דורכפֿאַל פֿאָרט אַוועק קיין לײַפּציק ווו ער ווערט אַ פּאָלגער מענטש. דער סאַמע דראַמאַטישסטער איבערבײַט קומט פֿאָר, פֿאַרשטייט זיך, מיט הערשעלען אַליין, וואָס ווערט צום סוף אַ ראַבינער און קומט צוריק קיין קאַבצאַנסק כּדי צו פֿאַרבעסערן דעם מצבֿ פֿון פֿאָלק. אין צווישן געפֿינען זיך א גאַנצע ריי קלענערע געשטאַלטן וואָס שטעלן מיט זיך פֿאָר די סאָציאַלע פּאַנאָראַמע.

פֿונעם ליטעראַרישן קוקווינקל זענען די גלופּסקער אונטער-וועלטניקעס פֿון די אינטערעסאַנסטע טיפּן אין ראָמאַן. אין פֿינפֿטן בוך פֿירט אונדז מענדעלע אַרײַן צו זיי אין שטוב און מיר זעען אַ סצענע ווי צוויי ייִדענעס עסן זיך איינע די אַנדערע אויף מיט זייערע דיבורים. אויסערלעך זענען דאָס צוויי נאָרמאַלע טיפּן, אָנגעטאָן ווי פֿרומע ייִדענעס, היטן אָפּ די עטישע מיצוות. נאָר מענדעלע האָט אונדז שוין פֿריִער באַוואָרנט אַז די צוויי פֿרויען האַנדלען מיט מענטשלעכער סחורה. שאַפֿט זיך דעריבער אַן אויסטערליש בילד: די פֿאַרברעכערס פֿון פֿאָלק זענען ייִדן ווי אַלע ייִדן; אַנדערש זענען זיי דערמיט וואָס דאָס פֿאָלק האָט גיט פֿון וואָס צו לעבן און זיי, די פֿרויען-האַנדלערס לעבן אויפֿן חשבון פֿון פֿאָלק. מענדעלע וויל גלויבן צוזאַמען מיט זײַן העלד רב אבֿרהם אַז:

"אין סדום זענען די מענטשן, ווי אין פּסוק שטייט,
בטבֿע געווען שלעכטע און זינדיקע. אין גלות אבער מאַכט
מען פֿון גוטע מענטשן שלעכטע, פֿון פֿרומע--זינדיקע.
נויט, זאגן אונדזערע הייליקע חכמים, צווינגט דעם
מענטשן צו האַנדלען אי אַקעגן זײַן פֿאַרשטאַנד אי אַקעגן
גאָט. נויט, איז דא דעם עולמס א ווערטל, נויט ברעכט
אײַזן." (5, ז' 331)

דאָס איז א ליבעראַלער, פּאָזיטיווער קוק אויף דער געזעלשאַפֿט וואָס באַזירט זיך אויף דער הנחה אַז אויב מע פֿאַרבעסערט דעם סאָציאַל-עקאָנאָמישן מצבֿ פֿונעם פֿאָלק, וועט זיך דער כאַראַקטער פֿון פֿאָלק ווײַזן צום גוטן. אויסקעמפֿן די פֿאַרבעסערטע געזעלשאַפֿט וועלן אַזעלכע מענטשן ווי הערשעלע אָדער מיכאל ספּיר, דער עלטסטער איבער אַלע אַקציזניקעס אין וואָלינער גובערניע. דורך דעם וואָס זיי וועלן זיך אַראָפּלאָזן צוריק צום פֿאָלק פֿון וועלכן זיי שטאַמען, וועלן זיי קענען עס דערהייבן. להיפּוך, אויף אַזעלכע טיפּן ווי פֿייבוש

בן-אליקום בעצל, אַ באַווגסטזיניקער בעל-עבֿירהניק און אַסימילאַטאָר, גיסט מענדעלע אויס זײַן ביטער האַרץ. זיי זענען אויסן נאָר זיך און קענען קיין שום ניצן ניט ברענגען. ס'איז קלאָר אַז אַבראַמאָ-וויטש אידענטיפֿיצירט זיך מיט זײַן העלד הערשעלע וועלכער פֿאַרלאָזט ניט דאָס פֿאָלק אין זײַן עת צרה. הערשעלע איז דער יגד פֿון דער נײַער תקופֿה, דײַטש געקליידט, מיט אַ חסידיש האַרץ. אינעם עפּילאָג פֿון דער מעשׂה, טענהט הערשעלע זיך אויס פֿאַר מענדעלען אַז דאָס פֿאָלק נייטיקט זיך אין ברויט און ניט אין ספֿרים. ס'איז אַ רוף צו אַקטיוויזם.

אַבראַמאָוויטשעס סאַטירע איז אַן ערנצטע, אַן אחריותדיקע. דורך דער פֿאַרמיטלונג פֿון דער שרײַבערישער פּערסאָנאַ קען ער רעדן צום פֿאָלק אין דער שפּראַך פֿון פֿאָלק. אָבער אין אָט דער אינטימקייט איז ער אויף צוויי שטאַפּלען דערווײַטערט פֿון זײַנע פֿיקטיווע העלדן: אַבראַמאָוויטש לאַכט אָפּ פֿון מענדעלען, מענדעלע, ווידער, לאַכט אָפּ פֿון די העלדן. אַ מאָל גיסן זיך צונויף די קולות פֿון אַבראַמאָוויטש און מענדעלע. דער לייענער שטייט קיין מאָל ניט דאָרט ווו. די העלדן שטייען. ער זעט אַלץ דורך מענדעלעס אויגן, וויסנדיק פּסדר אַז מענדעלע איז בלויז דער פֿאַרמיטלער פֿאַר אַבראַמאָוויטשן. אָט דער קאָמפּלעקס פֿון שרײַבערישע שטאַפּלען איז דער גרעסטער אויפֿטו פֿון אַבראַמאָוויטשן. אין דעם באַשטייט זײַן איבערבראָך מיט דער השׂכּלה-ליטעראַטור וואָס איז געבליבן דידאַקטיש און איין-זײַטיק. אַבראַ-מאָוויטשעס מאַסקע איז די מאַסקע פֿונעם מאָדערנעם שרײַבער.

8. <u>דער סטיל פֿון דערווײַטערונג בײַ דוד בערגעלסאָן</u>

מער ווי בײַ יעדן אַנדערן יידישן פּראָזאַאיקער איז דער סטיל דער עיקר פֿון דוד בערגעלסאָנס שרײַבן. סטיל איז דער תּוכן אין זײַנע ווערק. פֿון סטיליסטישן קוקווינקל איז זײַן ראָמאַן <u>נאָך אַלעמען</u> (פֿאַרענדיקט אין 1912 און פֿאַרעפֿנטלעכט מיט אַ יאָר שפּעטער) דאָס סאַמע ראַפֿינירסטע און סובטילסטע ווערק פֿון דער יידישער ליטעראַטור.

בערגעלסאָן ניצט די מעטאָדן פֿון דער סאַטירע כאָטש ער איז ניט אויסן צו שרײַבן סאַטירע. <u>נאָך אַלעמען</u> איז אַן אימפּרעסיאָניסטיש ווערק. דער לייענער דאַרף אַליין צונויפֿשטעלן די איינצלנע <u>סוביעקטיווע</u> שילדערונגען כּדי צו שאַפֿן זיך אַן איינהייטלעך בילד פֿונעם גאַנצן געשעעס. דער סטיל ווירקט ווי אַ פּריזמע דורך וועלכער

אַלע העלדן און אַלע פֿאַרלויפֿעניש וועלן פֿאַרקרימט. ס'איז אַ סטיל פֿון דערוויַיטערונג.

דער סטיל ביַי בערגעלסאָן פֿאַרנעמט די ראָלע פֿון דער פערספּעקטיוו-פֿאַרמיטלונג ביַי אַבראַמאָוויטשן. דער סטיל דערלויבט ניט דעם לייענער זיך צו דערנענטערן צו די פֿיקטיווע העלדן. בערגעלסאָן ניצט דערצו פֿאַרשיידענע טעכנישע מיטלען:

ערשטנס איז דער דיאַלאָג איבערגעגעבן אין דער דריטער אַנשטאָט אין דער ערשטער פערזאָן. צווייטנס ווערן סצענעס גאָר זעלטן אויסגעשפּילט פֿאַר אונדזערע אויגן. מיר דערוויסן זיך וועגן וויכטיקע פֿאַרלויפֿעניש אין דער מעשׂה פֿון קלאַנגען און שמועות וואָס ווערן פֿאַרשפּרייט אין שטאָט. דער ראָמאַן הייבט זיך דאָך אָן "נאָך אַלעמען", נאָך דעם ווי מירל הורוויץ שיקט אָפּ די מנאים צו די בורנעסעס, און די סצענע ווערט קיין מאָל ניט געשילדערט. דריטנס ניצט בערגעלסאָן די זעלביקע איבערגעחזרטע פֿראַזעס צו באַצייכענען אַן אָרט צי אַ געשטאַלט (7, ז' 17). ביַי מירלען ווערט בסדר דערמאָנט איר בת-יחידהשקייט. ליפּקיס איז אַלע מאָל "דער קרומער סטודענט ליפּקיס." דער פּראָוויזאָר-געהילף סאָפּיאַן ווערט בסדר דערמאָנט מיט זיַינע נערוועזע און אַרויסגעקראָכענע אויגן.

## 9. דאָס שטעטל ווי נאַראַטאָר

בערגעלסאָנס אַנאָנימע שטעטל, פּונקט ווי מענדעלעס קאַבצאַנסק, איז א קליין פֿאַרוואָרפֿן ווינקל וווּ גאָרניט ביַיט זיך. אַלע וויסן וואָס עס טוט זיך ביַי יענעם; רכילות איז די הויפּט-באַשעפֿטיקונג פֿון די איַינוווינערס. ווי געזאָגט, ווערן אַלע שמועסן איבערגעגעבן אין דער דריטער פערזאָן. ניט נאָר שאַפֿט דאָס אָפּ די פֿרישקייט פֿונעם מאָמענט, נאָר עס האָט אויך א דערדריקנדיקן עפֿעקט. דער נאַראַטאָר פֿונעם ראָמאַן איז דאָס שטעטל אַליין. דאָס שטעטל ווייסט אַלץ וואָס עס קומט פֿאָר אין די הערצער און אין די שלאָפֿצימערן פֿון זיַינע יִידן. ווען שמואליק זיידענאָווסקי קומט צו פֿאָרן ווי מירלס חתן, שטעלט דאָס גאַנצע שטעטל אויס די אויגן אויפֿן פּאָרל:

> "אָבער די מעשׂה, די מעשׂה אַליין איז דאָך שטאַרק אינטערעסאַנט און טשיקאַווע געוואָרן, און בדאי איז פֿונסניַי געוועזן צו בעלעגערן טיר און פֿענצטער און צו זען, ווי אָט דאָס פּאָרל שפּאַצירט איבער דער לאַנגער גאַס--אַ פּאָרל, וואָס וועט לעבן נישט ווי מאַן און וויַיב, נאָר עפּעס משונה און אַנדערש, ווי קיין פּאָר-פֿאָלק האָט זיך ביז היַינטיקן טאָג דאָ אין שטעטל ניט געלעבט." (6, ז' 233)

דעם שטעטל איז ספּעציעל טשיקאַווע צו וויסן אַלץ וואָס עס טוט זיך ביַי דער אַקושאָרקע שאַץ וואָס וווינט אָפּגעזונדערט, און

קיין זאַך ווערט ניט פֿאַרהוילן פֿון זײַנע אויגן:

"מ'איז געוואָר געוואָרן:
עס-גאַנצע נאַכט האָט מען געשיפֿורט אין דער אַקושאַרקעס
עק-דאָרפֿישן שטיבל. געטרונקען האָבן דאָרטן פֿיל: הערץ,
די אַקושאַרקע אַליין, דער באַלעבאָטעס זון, דער אויסגע-
דינטער סאָלדאַט און נאָך עפּעס אַ לערער פֿון נאָענטן
שטעטל, אַן אָפּגעפֿליקטער אַכט-און-דרײַסיק-יאָריקער
פֿאַרשוין אין אַ בלוי העמדל, וואָס האָט שוין אַ מאָל
געהאַט סמיכות אויף רבנות מיט אַ שוחטס אַ טאָכטער פֿאַר
אַ ווײַב און איז איצט פֿאַרליבט אין אַ פֿאַרמעגלעכן
קרעמערס אַ מיידל, וואָס איז נאָך קיין זיבעצן יאָר נישט
אַלט." (6, ז' 238)

ווען מירל פֿאָרט אַוועק אין דער גובערניע-שטאָט אויף דער חופּה,
בלײַבט איר הויז פֿאַרריגלט און פֿאַרשלאָסן:

"און זי, די שטוב אַליין, האָט אָן לשון עפּעס דערציילט
וועגן די אַוועקגעפֿאָרענע און וועגן דעם היפּשן און ווײַטן
וואָקזאַל, וווּ ס'וועט מאָרגן פֿאָרקומען מירלס חופּה.
"ס'האָט זיך געמאָלט דעם פֿאַרבײַגייענדיקן מענטשישן מוח:
"דאָרטן, אינעם ווײַטן געברוקירטן שטעטעלע, וואָס איבערן
רעלסנשנור, ציט זיך איצט דער זעלבער שטילער זומערדיקער
באַטאָג, וואָס דאָ; קלעזמער שפּילן דאָרטן צום אָנבײַסן,
וואָס בײַ התנס צד, און מירל גרייט זיך אַהין גיין און
טוט זיך אָן אינעם נײַעם זײַדענעם קלייד, וואָס מיטן
שלעפּ." (6, ז' 246)

און דאָס איז אַלץ וואָס מיר דערוויסן זיך וועגן דער חופּה! די גאַנצע
סצענע ווערט איבערגעגעבן לויט דער פֿאַנטאַזיע פֿון אַ "פֿאַרבײַ-
גייענדיקן מענטשישן מוח." דאָס אַליין גיט איבער דעם ענגן געפֿיל
פֿון אַ שטעטל ווו די פּאָר יונגע מענטשן שטיקן זיך אין דער ניט-
פֿאַרגינערישער, דריקנדיקער אַטמאָספֿער. ווען בערגעלסאָן וואָלט געשריבן
א רעאַליסטישן ראָמאַן, וואָלט ער באַשריבן פּרטימדיק די עקאָנאָמישע
ירידה פֿון די סוחרים, דאָס אָרעם אויסזען פֿון די הײַזער, די נעבעכ-
דיקע פּרנסות פֿון די אײַנוווינערס. אַנשטאָט דעם, שילדערט ער דאָס
אַלץ דורך דעם אומפּערזענלעכן, צו מאָל אַפֿילו דערדריקנדיקן סטיל.

דאָס רעליגיעזע שטייגער לעבן איז פּונקט אַזוי לאַנגווײַליק
און מאָנאָטאָן ווי דאָס טאָג-טעגלעכע לעבן:

"און אַזאַ טרויעריקע, פֿרײַטיק-פֿאַרנאַכטיקע זאָרג האָבן שוין
די אַרומיקע הײַזער מיט זייער פֿרעמדן בליק דערוועקט,
אַ זאָרג פֿון אַ פֿאַרשפּעטיקטן ערבֿ-שבתדיקן ייִדן, וואָס שלעפּט
זיך נאָך מיט זײַן פֿור אין די געהייליקטע בין-השמשות
איבער דער טיפֿער בלאָטע, וואָס אויף די פֿעלדוועגן, שלעפּט
זיך פּאַמעלעך און געדענקט;
"דאָרטן אינעם שטאַרק באַלויכטענעם בית-המדרש, וואָס אין
זײַן שטעטל, שאָקלען זיך שוין שבתדיק שעמערירנדיקע
ייִדן, שאָקלען זיך אַלע צוזאַמען און זינגען נאָך דעם חזן:
--הודו לה' כי טובֿ, כי לעולם חס-ד-ו-ו." (6, זז' 169-170)

בערגעלסאָנס טאָן איז ניט קיין סאַטירישער ווי בײַ מענדעלען.

בערגעלסאָן ניצט אַזעלכע אויסדרוקן ווי "די מידע מוספּדיקע שטימונג" (6, ז' 202) און "אַ קליין פֿאַר-פּסחדיק ווינטל" (6, ז' 211) צו באַווייַזן אַז די עבֿודה איז אַן אָרגאַנישער טייל פֿונעם לעבן: ווי דאָס לעבן איז פֿאַרמרה-שחורהט איז אויך דער רעליגיעזער ריטואַל פּוסט און טרויעריק.

אַלע פֿאַרלויפֿעניש ווערן פֿאַרשלייערט פֿון אומקלאָרקייט. בערגעלסאָנס באַליבטסטער אויסדרוק דערפֿאַר איז "עס דאַכט זיך": דעם פֿרעמדן אויג האָט זיך שוין טאַקע געדאַכט, אַז זי איז נישט קיין תמימותדיק מיידל, נאָר עפּעס אַן אומגעוויינטלעך לייַדנשאַפֿטלעך ווייַבל..." (6, ז' 201); "ס'דאַכט זיך עמעצער וויינט אייַנגעהאַלטן שטיל און פֿון טיפֿן, טיפֿן האַרצן" (6, ז' 272). אַזעלכע אויסדאַכ-טעניש שאַפֿן אַלע מאָל אַ צוויידייַטיקע סיטואַציע: צי איז מירל טאַקע אַ לייַדנשאַפֿטלעך ווייַבל, צי איז דאָס בלויז אַ פּערווערסער בלבול אויף איר מצד אויסגעהונגערטע בחורים? ווען דאַכט זיך אויס אַז זי וויינט: שמואליק זיידענאָווסקין ווען מירל האָט נאָר וואָס אַרויסגעשיקט פֿון איר שלאָפֿצימער, צי גאָר אַ פֿרעמדן מענטשן וואָס הערט זיך צו אונטערן לאָדן?

## 10. <u>דאָס שטעטל און די גובערניע-שטאָט</u>

דער ערשטער טייל פֿונעם ראָמאַן קומט פֿאָר אינעם שטעטל, דאַן ווערט איבערגעפֿירט אין דער גובערניע-שטאָט וווּ עס וווינען די זיידענאָווסקיס און פֿאַרענדיקט זיך ווידער אין שטעטל. דער קאָנטראַסט צווישן די צוויי מקומות איז גאָר ענלעך אויף מענדעלעס באַניץ. דער מאַרק פֿון שטעטל "איז פֿול מיט פּוסטקייט" (6, ז' 129). מירל לעבט נאָך איבער 23 יאָר פֿון איר בת-יחידהש לעבן אין רונקייט און אין לאַנגווייַל. טעג גאַנצע זיצט זי אויפֿן גאַניק אָדער ליגט זי אין בעט און טראַכט. די אַקושאָרקע שאַץ איז איר איינציקער פֿרייַנד אין שטעטל. ווי באַלד די קלייַבט זיך איבער אין דער גובערניע-שטאָט וווּ זי מיינט אַז איר לעבן וועט פֿאַר איר אויפֿשייַנען, פֿאַלט זי אַרייַן אינעם זעלבן לעבן-שטייגער ווי פֿריִער. זי זיצט שוין ווידער אויפֿן גאַניק גאַנצענע טעג, איר איינציקע חבֿרטע איז אידאַ שפּאַליאַנסקי "די ווייַבלעך-אויסגעלאַסענע שטאָט-פּאַרשוין" וואָס איז אַן ענלעכער טיפּ אויף דער אַקושאָרקע. און אַז זי טרעפֿט זיך מיט נתן העלערן, אויף ווען זי האָט זיך אַ מאָל פֿאַרקוקט, דערוועקט אין איר אַ געדאַנק:

> --ער איז נאָך אַלץ נישט קליגער געוואָרן, נתן.
> "נאָר אַרום און אַרום אים האָט שוין די לופֿט געשמעקט
> מיט די פֿאַרצוויי-יאָריקע פֿרילינג-אָוונטן, וואָס בייַ
> איר אין שטעטל, מיטן פֿייַכטן גראָז פֿונעם גרינעם בערגל,
> וואָס אויף אים זענען זיי אַרום דאָ גוייִשע הייַזער
> ביז שפּעט אין דער נאַכט געזעסן." (6, ז' 252)

עס גייען איר נאָך די זיכרונות פֿון שטעטל פונקט ווי פֿריער האָט זי געחלומט וועגן איר ליכטיקער צוקונפֿט אין דער גרויסער שטאָט.

און טאָמער מיינט מען אַז רכילות איז דער מאָנאָפּאָל פֿון שטעטל, לאָזט אונדז בערגעלסאָן הערן ווי די פּאַסאַזשירן אויפֿן טראַמווײַ--אַנגעזעענע פֿאָרשטאָט-באַלעבאַטים--באַרעדן זי הינטער אירע פּלייצעס (6, ז' 254). אין דער פֿאָרשטאָט ווה זי וווינט, ווייסן שוין אַלע וואָס צווישן איר און שמואליקן איז פֿאָרגעקומען יענעם שאַבייסע-נאַכטס ווען זי האָט אים ארויסגעשיקט פֿון שלאָפֿצימער (6, ז' 280).

דאָס פֿאַרמרה-שחורהטע רעדל דערגאַנצט זיך צום סוף נאָך ר' גדליה הורוויצעס טויט: "און אַ פּוסקיים פֿון נאָך אַלעמען האָט זיך געקלאַפּט צו די ווענט און צום באַלקן און דערמאָנט, אַז ר' גדליה איז שוין טויט, און אַז גיטעלע האָט שוין אין ערגעץ קיין אָרט נישט" (6, ז' 353). וועלוול בורנעס, דער געוועזענער חתן, קוקט זיך צו ווי דער קאַסיר ליקווידירט די שטוב און טראַכט:

"טעג וועלן זיך שוין דאָ אין שטעטל צזען אַזעלכע לאַנגע,
הייסע און זומערדיקע נודנע. אין שטעטל וועט זײַן
פּוסט, און קיין דרך-ארץ וועט שוין נישט זײַן, פֿאַר
וועמען דאָ צו האָבן..." (6, ז' 357)

11. <u>די העלדן</u>

דאָס וואָס ווערט ארויסגעברענגט סטיליסטיש אינעם ראָמאַן, אַז דאָס לעבן איז ניט קיין אַקטיווער נאָר אַ פּאַסיווער ענין, ווערט פֿאַרקערפּערט אין די העלדן אַליין. אַלע העלדן לעבן אונטערן שאָטן פֿון נאָך אַלעמען. ר' גדליה הורוויץ, דער געוועזענער שטאָלצער, שיינער ייִד, זיצט אָן און שטאַרבט אין מוראדיקער עלנטקייט. וועלוול בורנעס מאַכט דעם אָנשטעל אַז ער וואַקסט אַ באַלעבאַטישער מענטש און וויל ניט מודה זײַן אויף וויפֿל ער נייטיקט זיך אין מירלס ליבע. ווען ער געפֿינט זיך צופֿעליק אין זעלבן צימער וואָס זי, קען ער זיך קיין עצה ניט געבן:

"יעדעס מאָל, וואָס זי האָט דאָ בפֿיוון איר בת-יחידה-
שרײַענדיקן קול אויפֿגעהויבן, האָט ער זיך דאָרטן מיט
אָט די הענט צו פֿיל פֿון הינטן בײַם קאָלנער געטאַפּט
און צו פֿיל אַרײַנגעקוקט אין פּנים יענעם וואָקסיקן
און יונגן סוחר..." (6, ז' 172)

דער קרומער סטודענט ליפּקיס האָט אַ פֿלאַכן אינטעלעקט און פֿאַרלאָזט זײַנע קלאַסן צוליב מירלען. ווען ער קערט זיך אום אין שטעטל נאָך דער געראָטענער אָפּעראַציע געפֿינט ער אַנשטאָט מירלען אירס אַן איבער-געבליבן בריוו. שמואליק זיידענאָווסקי איז אַ נעבעך אָן אַ רוקנביין. ער גיט מירלען אַלץ נאָך און לסוף פֿאַרלירט ער זי אין גאַנצן. הערץ, דער העברעישער ליטעראַט שרײַבט אַ דערציילונג וועגן אַ טויטער

שטאָט און ווערט, ווי אַלע אַנדערע מענער, פֿאַרכאַפּט און פֿאַרפֿירט פֿון מירלען. מאָנטשיק דער גרויסער פֿאַלט אויך אַרײַן אין איר נעץ און ווערט פֿאַרפֿאַלן.

מירל טרעט אַרײַן אינעם ראָמאַן ערשט אין קאַפּיטל איינס פֿון צווייטן טייל. בערגעלסאָן רופֿט זי אָן "די געפּיעסטעטע און אייגנזיכטיקע מיידל" (6, ז' 122) און "די ציטעריק דערצויגענע שלאַנקוואָקסיקע באַשעפֿעניש" (6, ז' 120). זי דרייט זיך אַרום פּסדר מיטן קרומען סטודענט ליפּקיס און רעדט צו אים ניט אַרויס קיין וואָרט. איין מאָל, גייענדיק מיט אים לעבן וואַלד, שטעלן זיי זיך אָפּ לעבן די באַן-רעלסן און וואַרטן אויפֿן אָנקום פֿונעם צוג:

"צווישן אַ גאַנצן צוג מיט פּאַסאַזשירן, האָט זי דערבײַ שטיל און מרה-שחורהדיק בעזאָגט, וועט זיך שוין געוויס געפֿינען כאָטש איינער אַן אומגליקלעכער מיט אַ שטאַרק דערשלאָגענעם פּנים, וואָס וועט דעם גאַנצן וועג פֿונעם פֿענצטער נישט אָפּטרעטן און וועט דעם שטערן צו דער קאַלטער שויב דריקן. און אויב זי האָט טאַקע אַ מענטשן מיט אַזאַ אומגליקלעכן פּנים בײַם פֿענצטער פֿון אַ וואַגאָן דערזען, האָט זי זיך לאַנג צו אים געבוקט, געמאַכט צו אים מיטן היטל און דערבײַ עטלעכע מאָל מאָנאָטאָניש און ווערטלענדיק איבערגעחזרט:
--מיר זענען אויך אומגליקלעך...אויך אומגליקלעך...
אויך אומגליקלעך..." (6, ז' 133)

איר יאוש איז אַזוי שטאַרק אז ער ווערט ריטואַליזירט. אין איינעם פֿון די גאָר זעלטענע זאַצן וואָס זי זאָגט אַרויס צו ליפּקיסן, לייגט מירל פֿאָר אַז אַלע מענטשן אויף דער וועלט זאָלן וואָס גיכער אויסשטאַרבן, אַז אויף זייער אָרט זאָלן געבוירן ווערן נײַע (6, ז' 134). אַרומדרייענדיק זיך מיטן סטודענט פֿילט זי "ווי וואָכעדיק פּוסט ס'גוססט איר בת-יחידהש לעבן" (6, ז' 177) און זי טראַכט בשעת-מעשׂה וועגן יענעם נגידישן בחור, וואָס מע רופֿט אים שמואליק זיידענאָווסקי. סוף-כּל-סוף באַשליסט זי צו שטעלן מיט שמואליקן אַ חופּה, נאָר ווען זי קומט אַהיים אָנזאָגן די בשׂורה די עלטערן, בלײַבט זי שטיין בײַ דער טיר--

"און געדאַכט האָט זיך איר שוין, אַז זי לעבט נישט ווי אַלע מענטשן, נאָר זי גייט איינע אַליין אַרום בײַ דער זײַט פֿון לעבן, אויפֿן עולם התוהו און פּלאָנטערט זיך דאָרטן פֿון קליינערהייט אין אַ לאַנגן פֿאַרוואָגלטן חלום, וואָס האָט נישט קיין אָנהייב און קיין סוף." (6, ז' 194)

פֿאָרט זי טאַקע אַוועק צו לעבן מיט שמואליקן, דאָס זאָל זײַן בלויז אַ דערווײַליקע חתונה...און הייבט זיך אָן אַרומצודרייען מיט נתן העלערן אין שטאָט. איר לעבן מיט שמואליקן ווערט איר אַזוי נמאס אַז זי פֿאָרט צוריק אַהיים צו טאַטע-מאַמע. אָנקומענדיק אין שטעטל

באַפֿאַלט איר די אַמאָליקע מרה-שחורה און זי פֿילט גלײַך ווי זי וואָלט קיין מאָל פֿון דאָרטן ניט אַרויסגעפֿאָרן (6, ז׳ 297). אַלץ זעט איר אויס צו זײַן נאַריש--דאָס וואָס זי האָט אויף עפּעס געהאָפֿט, דאָס וואָס בײַ דער אַקושאָרקע שאַץ פֿאַרזאַמלען זיך די זעלביקע מענטשן ווי מיט צוויי יאָר פֿריִער און רעדן די זעלבע רייד ווי תּמיד. קיינער פֿון זיי איז ניט צופֿרידן מיטן לעבן נאָר קיינער טוט גאָרניט איבערצומאַכן דאָס לעבן. די וועלט איז פֿול מיט אַזעלכע אומבאַהאָלפֿענע, אומגליקלעכע מענטשן (6, ז׳ 300).

מירל און אירע פֿרײַנד זענען פֿון די ערשטע "מאָדערנע" העלדן אין דער ייִדישער ליטעראַטור, מאָדערן מיט דעם וואָס זיי געהערן אין ערגעץ ניט און בלאָנדזשען אַרום ניט-וויסנדיק ווו און וואָס. דאָס זענען יונגע מענטשן וואָס פֿילן זיך פֿאַרפֿרעמדט פֿון זייער ענגער סבֿיבֿה און האָבן ניט וווּהין צו גיין. זיי קענען זיך ניט בעסערן און קענען ניט באַווירקן זייער אַרום. להיפּוך צו מענדעלעס העלדן וועמען ס׳גראָט יאָ זיך אַרויסצורײַסן, זענען בערגעלסאָנס העלדן אין גאַנצן אַפּהענטיק און האָבן קיין שום האָפֿענונג ניט אין אַ בעסערער וועלט. זיי ווייסן ניט ווי צו לעבן און ווי ליב צו האָבן. מירל קען אַפֿילו ניט פֿאַרהאַסן דעם מאַן ווי עס קען איר חבֿרטע אידאַ. איר אײנציקער פּראָטעסטאַקט איז אַ באַווײַז פֿון איר שוואַכקייט--זי גייט דורך אַן אַבאָרט.

בערגעלסאָן אין דעם ווערק שטייט זייער ווײַט פֿון מענדעלעס וועלטבאַנעם, שטייט פֿאַקטיש אין פֿולער סתירה צו אים. אויב שוין זוכן אַ גײַסטיקע קרובֿהשאַפֿט וועט מען זי געפֿינען מיטן העברעישן פּראָזאַיקער גנעסין מיט וועמען בערגעלסאָן איז געווען שטאַרק באַפֿרײַנדעט.

בערגעלסאָן איז גאָרניט אויסן צו אַנאַליזירן די מקורים פֿון דער ייִדישער געפֿאַלנקייט. ער וויל ניט אין זײַן שרײַבן רופֿן דעם עולם צו באַקעמפֿן די פֿינצטערע כּוחות אין דער געזעלשאַפֿט. פֿאַרקערט, פֿאַר אים איז די אַפּהענטיקייט פֿון די שטעטלדיקע ייִדן בלויז אַ מיניאַטור-בילד פֿון דער מענטשלעכער אַפּהענטיקייט. אַ ראיה האָבן מיר אַז אין זײַן אַזוי גערופֿענעם "רעוואָלוציאָנערן" ווערק מידת-הדין, געפֿינען מיר פּונקט די זעלביקע סטיליסטישע מעטאָדן וואָס שאַפֿן פּונקט דעם זעלביקן טראַגישן עפֿעקט (זע: 7, זז׳ 18-20). קיין עקאָנאָמישע און פּאָליטישע ענדערונגען קענען ניט איבערמאַכן די מענטשלעכע נאַטור וואָס גייט צו גרונט. מענדעלע איז אין לעצטן סך-הכּל אַן אָפּטימיסטישער קעמפֿער; בערגעלסאָן--אַ פֿולשטענדיקער פֿאַטאַליסט.

## 12. ביבליאָגראַפֿיע


1. שלום-יעקבֿ אַבראַמאָוויטש, למדו היטב (1862), פֿאָטאָ-קאָפּיע, נ"י 1969.

2. ________________, דאָס קליינע מענטשעלע (1864), אין "קול מבֿשׂר: מבחר מן השנים 1869-1863", ירושלים, מפעל השכפול, תשכ"ד, זז׳ 52-37.

3. ________________, דאָס קליינע מענטשעלע (1879), אין אַלע שריפֿטן פֿון ממ"ס, ערשטער באַנד, היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני, נ"י 1910.

4. ________________, דאָס ווינטשפֿינגערל (1889) אין אַלע שריפֿטן פֿון ממ"ס, צווייטער באַנד, נ"י 1910.

5. ________________, דאָס ווינטשפֿינגערל (1909), אַלע ווערק פֿון ממ"ס, פֿערטער באַנד, פֿ"ג מענדעלע, וואַרשע 1911.

6. דוד בערגעלסאָן, נאָך אַלעמען, אַלע ווערק, ערשטער באַנד, איקוף פֿ"ג, בוענאָס-אײַרעס 1961.

7. רות ווײַס, "סטיל און פּאָליטיק בײַ דוד בערגעלסאָן", יוגנטרוף, נומ׳ 16-15, נ"י 1968, זז׳ 20-16.

8. דן מירון, אַרײַנפֿיר צו למדו היטב, נ"י, 1969, זז׳ 125-1.

9. מנדלי מוכר ספרים: רשימת כתביו ואגרותיו להתקנת מהדורתם האקדמית, צונויפֿגעשטעלט פֿון יהודה אריה קלאוזנר און נפתלי בן-מנחם, ירושלים תשכ"ה, די פּאָזיציעס 47, 170, 213-210.

10. Ralph E. Matlaw, ed., Belinsky, Chernyshevsky and Dobrolybov: Selected Criticism N.Y. 1962.